**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/19/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שטעלט אוועק די FUTUREWORKS COMMISSION צו ווייזן די וועג פאר אפרופונג צו ווירקונגען פון AI אויף ארבייטער אריבער ניו יארק**

***קאמיסיע וועט באשטיין פון עקספערטן, ארבייטער שתדלנים און ביזנעס פירער, און וועט זיין באאויפטראגט מיטן אהערשטעלן סטראטעגיעס צו פארזיכערן שטאנדהאפטיגע ארבעטסקראפט אזוי ווי AI טוישט די דזשאב מארקעט***

***טראץ פארשאצונגען איבער דזשאב פארלוסטן, אריבערגאנג צו נייע סיסטעמען און עקאנאמישע ווירקונגען זענען נישט אלע אין איינשטימונג, טוט AI שוין יעצט טוישן די צוקונפט פון ארבעט, און גאווערנער האקול איז איבערגעגעבן צו זיכער מאכן אז ארבייטער און ביזנעסער געניסן ביידע פון AI בענעפיטן***

***אנאנסירט אוועקשטעלונג פון נייע פראגראמען צו באגלייטן סטודענטן, ארבייטער און קליינע ביזנעסער דורכאויס AI אריבערגאנג, ערגענצנדיג מהפיכה'דיגער SUNY און CUNY Reconnect פראגראם צו העלפן מענטשן וואס לערנען אין זייערע ערוואקסענע יארן אנקומען צו נייע קאריערעס***

מיט ארטיפישעל אינטעלידזשענס (artificial intelligence, AI) זייענדיג אויפן וועג צו פונדאסנטאל אויספארעמען די גלאבאלע דזשאב מארקעט, האט גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) היינט אוועקגעשטעלט די FutureWorks Commission צו גיבן ראט איבער פאליסיס און אינטערווענצן דורך די פריוואטע סעקטאר צו באשיצן די עקאנאמישע זיכערהייט פון ארבייטער בשעת'ן איינשפאנען די עקאנאמישע בענעפיטן פון AI. די פרעסטיזשפולע קאמיסיע וועט באשטיין פון לאנד'ס-פירנדע עקספערטן, ארבייטער שתדלנים און ביזנעס פירער, און עס וועט באאויפטראגט ווערן מיטן גיבן ראט פאר גאווערנער Hochul (האקול) איבער וויאזוי זיך צו באגיין דורכאויס די AI אריבערגאנג, כדי די בענעפיטן פון AI זאלן קענען מיטגעטיילט ווערן דורך ניו יארק'ס פאמיליעס, ארבייטער און קליינע ביזנעסער — נישט נאר דורך גרויסע קארפארעישענס.

די אנאנסירונג בויט ארויף אויף גאווערנער Hochul's (האקול) אנגייענדע באמיאונגען צו פארשטערקערן ניו יארק'ס פאזיציע אלס די פאראנטווארטליכע AI הויפטשטאט פון דאס לאנד דורך אירע מהפיכה'דיגע אינציאטיוון ווי Empire AI, אירע לאנד'ס-ערשטע לעגיסלאטיווע זיגן צו אדרעסירן זיכערהייט פון ניי-ארויסשטייגנדע טעכנאלאגיעס און דורכן צושטעלן אומזיסטע קאמיוניטי קאלעדזש פאר מענטשן וואס לערנען אין זייערע ערוואקסענע יארן צו אריינגיין אין קאריערעס פאר וועלכע עס איז דא א הויכע פארלאנג דורך SUNY און CUNY. די פראגראמען וועלן ערגענצט ווערן דורך נייע באמיאונגען צו טרענירן סטודענטן, קליינע ביזנעסער, פרישע ביזנעסלייט און די סטעיט רעגירונג ארבעטסקראפט אין AI סקילס.

"שטייענדיג אין א צייט פון שנעלע טעכנאלאגישע אנטוויקלונגען, איז דאס קריטיש אז ניו יארק זאל אננעמען דאס בעסטע וואס AI האט צו אפפערן ווען עס קומט צו שפארזאמקייט און ערפינדערישקייט,

אבער מיר – אלס א סטעיט – דארפן זיך אויך רעכענען מיט די וועגן אין וועלכע עס איז אוועקגעשטעלט צו מאכן גרויסע ענדערונגען צו טייל פון די יסודות פון אונזער געזעלשאפט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיין אמביציע פאר ניו יארק איז צו זיין א לאנד'ס פירערין אין AI ערפינדערישקייט מיט אן ארבעטסקראפט וואס איז גרייט צו נוצן AI צו זייער טובה — און נישט זיין קורבנות דערפון."

מיט די גאר שנעלע אנטוויקלונגען פון AI ערפינדונגען, איז נישטא קיין קלארע איינשטימונג איבער די ווירקונג וואס AI וועט האבן ביים ענדע אויף די דזשאב מארקעט. פארלעסליכע פארשונגען שטעלן פאר גרויסע אומזיכערהייט, מיט טייל שאצונגען אנדייטנדיג אז מער פון 30 פראצענט פון אלע ארבייטער שטייען אויס באדייטנדע ענדערונגען אדער פולשטענדיג פארלירן זייער ארבעט צוליב די וואקסנדע אננעמונג פון AI. אין צוגאב, האבן באריכטן געוויזן אז אנהויבנדע ביזנעס/אפיס דזשאבס אין ניו יארק סיטי זענען געפאלן מיט 37% צווישן 2022 און 2024, א טויש וואס קען טיילווייז ערקלערט ווערן דורך די אריבערגאנג צו AI. גאווערנער Hochul (האקול) האט זיך אויך לעצטנס געטראפן פריוואטערהייט מיט ניו יארקער וועלכע זענען אהיימגעשיקט געווארן פון ארבעט אין די טעכנאלאגיע סעקטאר וועלכע זענען באזארגט איבער AI און די ווירקונגען דערפון אויף זייערע קאריערעס.

די FutureWorks Commission וועט ארבעטן צו אויפקומען מיט סטראטעגיעס וויאזוי צו נאכפאלגן ציפערן וואס ערמעגליכן צו זעהן די ווירקונגען פון AI בשעת מעשה, און אזוי צו אויך צו אידענטיפיצירן פאליסיס און אינטערווענצן דורך די פריוואטע סעקטאר צו זיכער מאכן אז ניו יארק'ס ארבייטער, פאמיליעס און קליינע ביזנעסער – נישט נאר גרויסע קארפארעישענס – זענען אויסגעשטעלט צו געניסן פון די פאטענציאלע בענעפיטן פון AI.

די FutureWorks Commission בויט ארויף אויף א שטארקע פלאטפארמע פון פריערדיגע ארבעט וואס איז געטוהן געווארן דורך גאווערנער Hochul (האקול) צו זיכער מאכן אז די אננעמונג פון AI איז איינשטימיג מיט די טובה פונעם כלל און אז ניו יארק'ס ארבעטסקראפט און עקאנאמיע זענען גרייט פאר די צוקונפט. אלס רעזולטאט פון פריערדיגע דיסקוסיעס מיט די [גאווערנער'ס אויפשטייגנדע טעכנאלאגיע אדווייזארי באורד (Emerging Technology Advisory Board, ETAB)](), טוט גאווערנער Hochul (האקול) אנאנסירן די אוועקשטעלונג פון צוויי איניציאטיוון צו העלפן אונטערשטיצן און אנגרייטן ארבייטער און קליינע ביזנעסער פאר א טעכנאלאגישע אריבערגאנג:

**AI Prep**

כדי צו אויסגלייכן צוטריט צו AI קאריערעס, וועט ESD אוועקשטעלן AI Prep, אן ערפינדערישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג איניציאטיוו אויסגעשטעלט צו אויסברייטערן צוטריט צו די סקילס און געלעגנהייטן וואס פעהלן זיך אויס פאר קאריערעס אין AI. דער פראגראם וועט זיך קאנצענטרירן צו אויסשטאטן ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט מיט די AI מעגליכקייטן וואס זענען פארלאנגט דורך ארבעטסגעבער און זיי צו פארבינדן מיט אינטערנשיפּס און דזשאב געלעגנהייטן מיט פירנדע ניו יארקע טעכנאלאגיע פירמעס.

AI Prep וועט האבן צוויי ספעציעל אויסגעשטעלטע פראגראמען צו שטיצן מענטשן וועלכע קומען פון גרופעס פון ווי ווייניגער קומען אן אין די טעכנאלאגיע סעקטאר וועלכע שטייען אויס שטרויכלונגען ביים צוקומען צו טרענירונג:

- **AI Prep פאר אינטערנשיפּס:** וועט צושטעלן פאר אסאָסיעט און בעטשעלאר סטודענטן מיט AI טרענירונג דורכן פארזיכערן באצאלטע אינטערנשיפּ געלעגנהייטן ביי פירנדע טעכנאלאגיע פירמעס.
- **AI Prep פאר דזשאבס:** וועט פארבינדן ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט וועלכע שטייען אויס שטרויכלונגען ביים באקומען באשעפטיגונג מיט AI קאריערעס דורך אונטערגעאיילטע

טרענירונג פראגראמען און 'בוט קעמפס' אלס אלטערנאטיוון צו טראדיציאנאלע דעגרי פראגראמען.

נאכפאלגנדיג א פראצעדור אין וועלכע עטליכע קאנדידאטן זענען באטראכט געווארן, האט ESD דעזיגנירט, מיט געוויסע תנאים, די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק ( State University of New York, SUNY) צו אנפירן AI Prep פאר אינטערנשיפס און Pursuit צו אנפירן AI Prep פאר דזשאבס. צוזאמען, וועלן די שותפים אהערשטעלן באדייטפולע, קאריערע-פארבינדענע AI געלעגנהייטן פאר ניו יארקער.

**טרענירונג פאר קליינע ביזנעסער און פרישע ביזנעסלייט**

כדי צו ארויסהעלפן קליינע ביזנעסער מיטן זיך אויסלערנען און אננעמען AI, וועט ESD אריינגיין אין א שותפות מיט ניו יארק'ס נעטווארק פון נייע ביזנעס אנטוויקלונג הילף צענטער ( Entrepreneurship Assistance Center, EAC) צו צושטעלן AI טרענירונג פאר פרישע ביזנעסלייט און קליינע ביזנעסער אריבער די סטעיט. די צענטערן זענען סטראטעגיש פלאצירט אין קאמיוניטיס מיט שוואכערע געלעגנהייטן אין יעדער ראיאן פון ניו יארק, עפענענדיג די טיר פאר קליינע ביזנעסער וואס זוכן בעסער אויסצונוצן AI'ס טראנספארמאטיווע כוח.

כדי צו ווייטער פאראויס שטופן גאווערנער Hochul (האקול)'ס דרייסטע ציהלן, האט ESD אויסדערוועהלט Welcome to Chinatown צו דינען אלס די AI-ספעציאליזירטע EAC, דינענדיג אלס א סטעיט-ברייטע צענטער פאר AI-קאנצענטרירטע טרענירונג און טעכנישע הילף. אין די ראלע, וועט Welcome to Chinatown צושטעלן אינדיווידואל-צוגעפאסטע און ספעציאליזירטע AI שטיצן פאר פרישע ביזנעסלייט, טרענירן EAC'ס אריבער די נעטווארק און אויפקומען מיט א סטאנדארטיגע AI לערנען פראגראם צו גענוצט ווערן דורך אלע EAC'ס, זיכער מאכנדיג אז קליינע ביזנעסער אריבער ניו יארק קענען צוקומען צו די כלים און שטיצע וואס זענען נויטיג צו אננעמען AI און וואקסן.

**סטעיט ארבעטסקראפט טרענירונג**

גאווערנער Hochul (האקול) האט פארשפראכן צו אויסברייטערן טרענירונג פאר סטעיט רעגירונג ארבייטער איבער וויאזוי צו פאראנטווארטליך נוצן AI זיכערערהייט ביי די ארבעטספלאץ, באגלייט מיט א פארזיכערטע אינהאלט-שאפנדע AI כלי צו העלפן פראקטיש אויספרובירן די לערנונגען פון די טרענירונג. די סטעיט האט לעצטנס פארענדיגט א פראבע פראגראם מיט איבער 1,000 ארבייטער און באטראכט יעצט ווייטערע שריט פאר אויסברייטערונג.

**גאווערנער האקול'ס ערפינדערישקייט אגענדע**

גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארפליכטונג צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס פירערשאפט אין ארטיפישעל אינטעלידזשענס בויט ארויף אויף איר ברייטערע אגענדע צו אויסברייטערן די אנטוויקלונג פון די פארגעשריטנסטע טעכנאלאגיעס אין די עמפייער סטעיט. גאווערנער Hochul (האקול) האט אוועקגעשטעלט די היסטארישע Empire AI איניציאטיוו, א 500 מיליאן דאלארדיגע שותפות צווישן ניו יארק'ס פירנדע פובליק און פריוואטע אוניווערסיטעטן וועלכע זענען זיך צוזאמגעקומען צו אוועקשטעלן א פארגעשריטענע AI קאמפיוטינג צענטער ביי SUNY'ס באפעלאו אוניווערסיטעט ( University at Buffalo). Empire AI פלאסטערט שוין אויס ערפינדונג, פארשונג און אנטוויקלונג פון AI טעכנאלאגיעס אריבער די סטעיט.

אין 2024, האט גאווערנער Hochul (האקול) אוועקגעשטעלט די ערשטמאליגע 'אויפשטייגנדע טעכנאלאגיע אדווייזארי באורד' — אן אומאפהענגיגע גרופע פון אינדוסטריע פירער, מיט IBM'ס CEO, Arvind Krishna (ארווינד קרישנא), און Girls Who Code'ס CEO, Dr. Tarika Barrett (דר. טאריקע בארעט), אלס פארזיצער, באאויפטראגט מיטן אהערשטעלן אינפארמאציע פאר- און אונטערהאלטן ניו

יארק'ס פארוואנדלונג צו ווערן א צענטער פאר וואוקס און ערפינדונג. די באורד [האט ארויסגעגעבן אירע ערשטיגע רעקאמענדאציעס](#) אין דעצעמבער פון 2024. די גאווערנער האט דאן אנאנסירט א סעריע אינציאטיוון אלס טייל פון איר 2025 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, אריינרעכענענדיג דאס טרענירן סטודענטן פאר AI-באגלייטע דזשאבס, פינאנצירן ניו יארקע AI סטאַרט-אַפּס, שטיצן קליינע ביזנעסער מיטן אריינברענגען AI באנוץ און נאכפאלגן וויאזוי נייע טעכנאלאגיעס ווירקן אויף די ארבעטסקראפט.

אונטער די גאווערנער'ס פאראורדענונג, האט די ITS געשריבן און ארויסגעגעבן די סאמע ערשטע סטעיט-ברייטע פאליסי איבער אקצעפטירבארע באנוץ מיט AI טעכנאלאגיעס (Acceptable Use of AI Technologies), א דאקומענט וואס ווערט יעצט גענוצט דורך סטעיט אגענטורן אלס וועגווייזער וויאזוי צו אריינברענגען AI באנוץ אויף א דורכגעטראכטע, זיכערע און פאראנטווארטליכע אופן, בשעת'ן ארויסברענגען די מאקסימום ווירקזאמקייט דערפון און אהערשטעלן שנעלערע און בעסערע רעזולטאטן פאר די בירגער וועם זיי באדינען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](https://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)